# מיט א טיפערן בליק

## זמן חירותינו תשפ"ה

## "בני בכורי ישראל"

בס"ד

לֵיל הִתְקַדֵּשׁ הֶחָג

**די גרויסקייט פון ליל פסח**

**די געוואלדיגע כוח און סגולה פון פסח ביינאכט**

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

אצינד שטייען מיר ביים שוועל פון די ימי מועדים לשמחה חגים וזמנים לששון, די הייליגע און דערהויבענע יום טוב פסח הבא עלינו לטובה, די יום טוב פון אמונה, אין וועלכע מיר זענען באפוילן געווארן איבערצוגעבן פאר אונזערע קינדער און זיי דערציילן דאס וואס מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע עלטערן, איש מפי איש, דור נאך דור, די געוואלדיגע נסים ונפלאות וואס השי"ת האט אונז באוויזן אין אט די גרויסע צייט ווען ער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים און אונז אויסגעלייזט מעבדות לחירות ומיגון לשמחה.

ווי די תורה הקדושה זאגט אונז אין פרשת בא, "**וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם וְאֶת אֹתֹתַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בָם וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'**" מיר דארפן דערציילן איבער די מכות און שטראפן מיט וועלכע השי"ת האט געשפעט און חוזק געמאכט פון די מצריים, און דורכדעם ברענגן אונזערע קינדער צו ידיעת ה' - צו וויסן און גלייבן אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט, דער כל יכול און בורא ומנהיג לכל הברואים, וואס האט זיך אנגענומען פאר זיין הייליג פאלק און זיי געראטעוועט.

פון צדיקים שטייט אז די זמן איז מסוגל דערצו, דאס הייסט אז דער יום טוב פסח, און איבערהויפט די סדר נאכט, האבן א באזונדערע כוח אז מען זאל קענען איינבאקן אמונה אין די נשמות פון אונזערע קינדער, און אז די ווערטער זאלן מאכן א רושם אויף זיי און אריינדרינגען אין זייערע הערצער. אפילו הערצער וואס זענען ליידער פארשטאָפּט אין אנדערע זמנים, האבן א כוח אין דעם הייליגן יום טוב צו ווערן ברייט אויפגעמאכט.

ווי אויך איז די זמן מסוגל צו קענען זוכה זיין צו חירות, פארן מענטש אליינס ארויסצוקריכן פון אלע זיינע מֵיצָרִים און ענגשאפטן וואס אונטערדרוקן איהם ברוחניות ובגשמיות, ווי מיר דערמאנען אין די הגדה "עַל גְּאֻלָּתֵנוּ וְעַל פְּדוּת נַפְשֵׁנוּ", עס איז א צייט ווען מיר קענען עפענען אונזערע אייגענע הערצער און זוכה זיין ארויסצוגיין מעבדות לחירות.

**זוכה זיין צו די אמת'דיגע חירות**

אגב וועלן מיר מקדים זיין א קליינע עובדא וואס ווערט געברענגט אין די תולדות פונעם ירושלים'ער צדיק **רבי אריה לווין זצ"ל** וועלכער איז געווען באקאנט מיט זיינע גרויסארטיגע מעשי צדקה וחסד, בפרט מיט זיין געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט פאר די ארעסטאנטן וואס זענען געזעצן אין תפיסה בימים ההם.

שבת חול המועד פסח איז ר' אריה געקומען באזוכן אין תפיסה, וואו ער האט זיך ארומגעדרייט צווישן די ארעסטאנטן, זיך אינטערעסירט אין זייער וואוילזיין, און זיי אויסגעפרעגט וויאזוי זיי האבן אפגעראכטן דעם סדר. איינס פון די ארעסטאנטן האט איהם געענטפערט אז ס'איז ב"ה געווען א דערהויבענעם סדר, מ'האט זיי צוגעשטעלט אלעס וואס זיי האבן געדארפט, און זיי האבן מקיים געווען די מצוות הלילה, און דערביי האט ער צוגעלייגט מיט א שמייכל, "נאר איין זאך האט אונז געפעלט, מען האט אונז נישט געלאזט אויפמאכן די טיר צו שפוך חמתך ווי דער מנהג איז"...

ר' אריה ענטפערט איהם תיכף, "מיין פריינט דו האסט א טעות!" וויסן זאלסטו אז יעדער מענטש געפונט זיך אין זיין אייגענע תפיסה, יעדער איז איינגעשפארט אין זיינע פראבלעמען און זיינע ענינים, און פון דארט קען מען בכלל נישט ארויסגיין דורכ'ן טיר. מ'קען זיצן אין א שטוב וואו די טיר איז ברייט אפן, אבער מ'איז נאך אלס איינגעשפארט אינעם אייגענעם תפיסה. ארויסצוגיין פון 'די' תפיסה דארף מען עפענען א לעכל אין הארץ, דאס איז דער פתח וואס קען מאכן דעם מענטש פאר אן אמת'ע בן חורין, און דאס קען יעדער איינער טוהן, אפילו דער וואס זיצט פארשפאַרט אונטער גראַטעס, דער קען אויך אויפמאכן זיין הארץ און זוכה זיין צו די ריכטיגע חירות הנפש. (הצדיק ר' אריה עמ' 127)

אצינד לאמיר טאקע אויפמאכן אונזערע הערצער, לאמיר זיך אביסל מתבונן זיין אין די נסים ונפלאות וואס השי"ת האט געטוהן פאר אונז, זיך פארטיפן אינעם סיפור פון יציאת מצרים און מקיים זיין "כל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח", צו דערהערן און פארשטיין וואס מער, און אריינאָטעמען אין זיך פון די ליכטיגקייט און די אמונה וואס מיר זענען זוכה אין דעם געהויבענעם יום טוב.

כָּאן הַבֵּן שׁוֹאֵל

## די דיוקים און הערות

### פארוואס הייסט דער יום טוב 'פסח'

דער יום טוב ווערט אנגערופן מיט'ן נאמען "חג הפסח" א לשון פון פסיחה ודילוג, שפרינגען, ווי מיר זאגן טאקע אין די הגדה, עַל שׁוּם שֶׁפָּסַח הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל בָּתֵּי אֲבוֹתֵינוּ בְּמִצְרַיִם שֶׁנֶּאֱמַר, וַאֲמַרְתֶּם זֶבַח פֶּסַח הוּא לַה' אֲשֶׁר פָּסַח עַל בָּתֵּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל בְּמִצְרַיִם בְּנָגְפּוֹ אֶת מִצְרַיִם וְאֶת בָּתֵּינוּ הִצִּיל וגו', דער אייבישטער האט איבערגעהיפט און איבערגעשפרינגען די אידישע הייזער בשעת ער איז ארומגעגאנגען אין מצרים ביי מכת בכורות און געראטעוועט די אידישע בכורים.

וואס באמת קען מען פרעגן, פארוואס ווערט דער יום טוב אנגערופן מיט'ן נאמען פון איין פְּרַט וואס האט פאסירט ביי איין מכה. דאס גאנצע איבערשפרינגען איז געווען בלויז א געוויסע טייל פון מכת בכורות, פארוואס פארנעמט דאס דעם 'אויבנאָן' אינעם יום טוב?

### פארוואס האט אויסגעפעלט א סימן ארום דעם טיר

און אז מ'רעדט שוין פון דעם ענין אז השי"ת האט איבערגעהיפט אויף די אידישע שטובער, ווערט שווער נאך א נקודה:

ווי מיר ווייסן האט השי"ת באפוילן פאר כלל ישראל צו שחט'ן דעם קרבן פסח, און לייגן פון די בלוט פונעם קרבן פסח אויף די שוועלן ארום די טירן פון די הייזער אין וועלכע מ'וועט עסן דעם קרבן פסח, וְהָיָה הַדָּם לָכֶם לְאֹת עַל הַבָּתִּים וגו' די בלוט וועט זיין א צייכן אז דאס איז א אידישע שטוב. השי"ת זאגט "וְרָאִיתִי אֶת הַדָּם וּפָסַחְתִּי עֲלֵכֶם וְלֹא יִהְיֶה בָכֶם נֶגֶף לְמַשְׁחִית בְּהַכֹּתִי בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם", כביכול ווען איך וועל זעהן די בלוט וועל איך איבערהיפן און אריבערשפרינגען דעם הויז און דורכדעם וועט איר געראטעוועט ווערן פון מכת בכורות.

צו דען דארף השי"ת א צייכן און א דערמאנונג ח"ו צו וויסן וואו עס וואוינט א איד? מיר געפונען דאָך אזוי ביי אלע מכות ביז אהין אז ס'איז געווען א גענצליכע צווישנשייד צווישן די אידן און די מצריים, די מכות האבן בכלל נישט געוועלטיגט אויף די אידן, אָן קיין שום סימן אדער זֵכר וואס האט ארויסגעברענגט וואו די אידן וואוינען. פארוואס האט פלוצלינג אויסגעפעלט א סימן ביי מכת בכורות? און אויב מאיזה סיבה האט דער אייבישטער דוקא יא געוואלט דעם סימן ביי מכת בכורות, פארוואס דערמאנען מיר אט דעם 'פסיחה' ודילוג אינעם נאמען פונעם יום טוב און מיר מאכן א עֵסֶק דערפון? די אנדערע מכות ביי וועלכע דער אייבישטער האט איבערגעהיפט אויף די אידן אָן קיין שום צייכן, איז לכאורה פיל א גרעסערע חידוש (עכ"פ אין אונזערע אויגן) און וואלט געווען ווערד דערמאנט צו ווערן.

### פארוואס האט השי"ת מודיע געווען מכת בכורות צום ערשט

צום לעצט איז כדאי צו דערמאנען א דיוק. מיר געפונען אז מכת בכורות פארנעמט די חשוב'סטע אָרט צווישן אלע מכות. מכת בכורות איז די מכה וואס האט גורם געווען צו יציאת מצרים, דווקא ביי די מכה האט זיך פרעה'ס עקשנות געבראכן און ער האט ארויסגעשיקט די אידן, טראצדעם וואס די ערשטע ניין מכות זענען אויך געווען גאר גרויסע און שווערע, דאָך האבן זיי נישט געווירקט אויף איהם.

בכלל, מיר געפונען נאך אזוי פרי ווי פרשת שמות, נאך איידער די מכות האבן זיך אנגעהויבן, האט השי"ת שוין געשיקט משה רבינו אז ער זאל זאגן צו פרעה (שמות ד' כ"ב) כֹּה אָמַר ה' בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל. וָאֹמַר אֵלֶיךָ שַׁלַּח אֶת בְּנִי וגו' וַתְּמָאֵן לְשַׁלְּחוֹ הִנֵּה אָנֹכִי הֹרֵג אֶת בִּנְךָ בְּכֹרֶךָ. כלל ישראל ווערט אנגערופן "בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל" א לשון פון גרויסקייט און חשיבות, און אויב דו פרעה וועסט נישט ארויסלאזן מיין בכור, וועל איך אויסהארגענען דיינע בכורים. זעען מיר דא א דבר פלא, נאך פאר די ערשטע מכה האט שוין השי"ת געשיקט וואָרענען פאר פרעה איבער מכת בכורות! וואס באדייט דער ענין און פארוואס? (זעה רש"י פסוק כ"ג)

וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'

## די לימוד פון די צען מכות

### יעדע מכה האט זיין ענין און זיין לימוד

כדי צו פארשטיין דעם ענין וועלן מיר זיך אביסל פארטיפן אין די צען מכות וואס השי"ת האט געברענגט אויף פרעה און מצרים, און זעהן אז דאס האט געהאט א פונקטליכע חשבון און א ציל, די מכות האבן געהאט א ספעציעלע מטרה, און זיי האבן זיך גערוקט מיט א סדר שטאַפּל נאך שטאַפּל צו צוברעכן די שרעקליכע קליפה פון פרעה הרשע, דער מקור הגאוה והטומאה וואס האט געלייקענט אין השי"ת און געשריגן "מִי ה' אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקֹלוֹ". און אין די זעלבע צייט איז דאס געקומען שטארקן די אמונה פון די אידישע קינדער, ווי מיר ווייסן אז אלע מכות זענען געווען "נָגוֹף וְרָפוֹא" א קלאפ פאר די מצריים, און א רפואה פאר כלל ישראל. די מכות זענען געקומען צו צוברעכן און מבטל זיין די כוח פון טומאת מצרים, און מחזק זיין כלל ישראל און זיי היילן מיט אמונה און התקרבות צום בורא עולם.

ווי פאסיג איז טאקע אין דעם זמן ווען מיר זענען עוסק אין סיפור יציאת מצרים און מיר זענען מקיים וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה' לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם, צו כאפן א שטיקל בליק אין די עֶשֶׂר מַכּוֹת שֶׁהֵבִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל הַמִּצְרִים בְּמִצְרַיִם, און זיך מתבונן זיין אין זיי, כדי ארויסצונעמען די ריכטיגע מוסר און דעם "וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'" דערפון.

**אלעס איז געווען געפלאַנט פון פריער**

צום ערשט לאמיר מקדים זיין די ווערטער פונעם **אור החיים הקדוש** אין פרשת שמות אויפן אויבנדערמאנטן פסוק (ד' כ"ב) כֹּה אָמַר ה' בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל, וואו דער אור החיים הק' ערקלערט פארוואס טאקע האט השי"ת אויסגערעכנט מכת בכורות פאר אלע מכות. זאגט דער אוהחה"ק, דאס איז געווען מיט א ספעציעלע כוונה פונעם אייבישטער אז משה רבינו זאל הערן פון פאַראויס אז ס'דארף נאך קומען א מכת בכורות און ערשט נאכדעם וועט פרעה ארויסלאזן די אידן פון מצרים, אזוי ארום וועט זיך משה רבינו נישט מייאש זיין דורכאויס די גאנצע צייט ווען ער זעהט אז פרעה'ס הארץ ווערט נישט ווייעכער דורך די מכות און ער איז נאכנישט גרייט ארויסצולאזן די אידן פון מצרים.

דאס הייסט אז השי"ת מעלדט שוין דא איין פאר משה רבינו אז ס'איז פאראן א פונקטליכע פלאן און א סדר וואס דארף נאך אלס פאסירן, און ער זאל זיך נישט דערשרעקן ווען ער זעהט ווי לאנג ס'נעמט און פרעה האלט זיך נאך אלס נישט ביים ברעכן. דאס איז אלעס א חלק פונעם געטליכער פלאן וואס גייט דא פאָרקומען כדי צו צוברעכן פרעה, און די אלע זאכן מוזן געשעען איידער מ'וועט אנקומען צום ענדגילטיגן ציל פון יציאת מצרים. "והנני מודיעך שאני אחזק את לבו ולא ישלח אפילו אחר כמה מכות"... דער רבוש"ע זאגט צו משה, איך בין דיר מודיע אז פרעה'ס הארץ וועט ווערן געשטארקט איינמאל און נאכאמאל, ביז ס'וועט קומען די צייט פון "הִנֵּה אָנֹכִי הֹרֵג אֶת בִּנְךָ בְּכֹרֶךָ" מכת בכורות דאס וועט זיין די זמן פון די גאולה.

**מכת דם**

אצינד לאמיר אדורכגיין די צען מכות, און זעהן כאטש אויפן שפיץ גאָפל א נקודה וואס איז נתחדש געווארן ביי יעדע מכה באזונדער, יעדע מכה מיט איר חשבון און מטרה.

ווי באקאנט איז מצרים די מקור פון גַסוּת הָרוּחַ און גאוה, פרעה האט זיך געהאלטן פאר אן אפגאט און געזאגט 'אני ואפסי', אלעס איז בלויז נאר איהם און נישט קיין צווייטער.

אין **ספרים הקדושים** שטייט אז א מענטש ווערט אנגערופן מיט'ן נאמען 'אדם' - די אות א' איז מרמז אויף 'אַלופו של עולם' דער באשעפער וואס באשאפט און איז מהווה דעם מענטש און האלט איהם ביים לעבן, ווי אויך 'דַם' די בלוט פונעם מענטש וואס דאס איז זיין גאנצע חיות און מציאות, כי הדם הוא הנפש. ווי דער הייליגער **בת עין זי"ע** ערקלערט (שבת הגדול) אז די מצריים וואס זיי זענען גַסי הרוח און מקור הגאוה, זיי האבן כביכול פארטריבן דעם אלופו של עולם, זיי לאזן נישט אריין דעם רבוש"ע, ווייל אויף א בעל גאוה זאגט דאָך דער אייבישטער "אֵין אני והוא יכולים לדור במדור אחד" מיר קענען נישט וואוינען צוזאמען, עיי"ש.

בפרט פרעה וואס האט גע'טענה'ט "מִי ה' אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקֹלוֹ" און ער האט נישט געוואלט אנערקענען אינעם אייבישטער, איז פארבליבן פונעם 'אדם' נאר די שורש פון 'דַם' אליינס, אלעס איז געווארן בלוט, צו ווייזן פאר די מצריים וואס עס פאסירט מיט'ן בעל גאוה וואס פארטרייבט דעם 'אַלופו' של עולם פון זיך.

**מכת צפרדע**

פרעה ווי באקאנט ווערט אבער נישט צובראכן, זיין גאוה עקזיסטירט נאך, ער ווייזט אפילו אז זיינע חרטומים קענען אויך נאָכמאַכן מכת דם, און ער איז חושד אז משה רבינו האט בלויז געמאכט כישוף דא. דעריבער ביי מכת צפרדע געפונען מיר גאר אן אינטערסאנטע זאך, משה רבינו פרעגט פון פרעה (שמות ח' ה') לְמָתַי אַעְתִּיר לְךָ וְלַעֲבָדֶיךָ וּלְעַמְּךָ לְהַכְרִית הַצְפַרְדְּעִים מִמְּךָ וּמִבָּתֶּיךָ, אויף ווען זאל איך בעטן אז די צפרדעים זאלן אוועקגיין? "וַיֹּאמֶר לְמָחָר" פרעה בעהט אז זיי זאלן אוועקגיין מארגן!

וואס האט דא פאסירט מיט פרעה? ער איז אינגאנצן משוגע געווארן? ער און זיינע מענטשן פלאגן זיך מיט די שרעקליכע מכה פון צפרדע, און ווען משה רבינו גיבט איהם די ברירה אויסצוּוועלן א צייט ווען די מכה זאל אוועקגיין, שטופט ער דאס אפ אויף מארגן? פארוואס בעהט ער נישט אז ס'זאל שוין יעצט פארשוואונדן ווערן?

זאגן די **מפרשים** (זעה שפתי חכמים בשם מהרש"ל און נאך) אז פרעה מיט זיין גאוה האט נאך אלס חושד געווען אז דאס איז נאר כישוף, און אפשר איז פונקט יעצט א שעת הכושר אין די מציאות פון כישוף אוועקצונעמען די מכה פון צפרדע, דעריבער איז משה רבינו געקומען צו לויפן און אנבאָטן אז ער קען דאס אוועקנעמען. האט פרעה געוואלט שטעלן א פראָבע פאר משה רבינו און זעהן אויב ער קען דאס באווייזן אויך מארגן, דערפאר האט ער געבעטן 'למחר'. משה רבינו ענטפערט איהם, קיין שום פראבלעם! "כִּדְבָרְךָ, לְמַעַן תֵּדַע כִּי אֵין כַּה' אֱלֹקֵינוּ" אזויווי דיינע רייד אזוי וועט זיין, אזוי וועסטו זיך איבערצייגן אז דער באשעפער איז דער כל יכול! ער איז שולט

אין יעדע זמן און יעדן טאג, ער קען טוהן וואס ער וויל ווען ער וויל אָן קיין שום באגרעניצונג.

אצינד ווייסן שוין פרעה, און להבדיל אויך די אידישע קינדער, אז השי"ת איז דער כל יכול אין זמן, ער איז העכער פון יעדע צייט, און קען באווייזן אלעס שטענדיג.

### מכת כינים

למעשה קלערט אבער נאך פרעה ווייטער אין זיין הארץ אז די מכות האבן דאָך אביסל א שייכות מיט כישוף, און אז ער איז גארנישט וויניגער ווי משה און אהרן. קומט צו גיין מכת כינים, ביי מכת כינים שטייט וַיַּעֲשׂוּ כֵן הַחַרְטֻמִּים בְּלָטֵיהֶם לְהוֹצִיא אֶת הַכִּנִּים וְלֹא יָכֹלוּ, די כישוף מאכער פון פרעה האבן פראבירט צו ארבעטן מעשים און באשאפן כינים, אבער זיי האבן נישט געקענט, וויבאלד די כוח פון כישוף און שדים ארבעט נישט אויף אזעלכע קליינע באשעפענישן ווי **רש"י** ברענגט.

דערציילט אונז די תורה ביי מכת כינים "וַיֹּאמְרוּ הַחַרְטֻמִּם אֶל פַּרְעֹה אֶצְבַּע אֱלֹקִים הִוא" דאס איז א געטליכע זאך, כביכול ווי א פינגער פון השי"ת, ער באווייזט זיין כוח וואס מיר קענען נישט נאָכמאַכן.

יעצט האט שוין השי"ת באוויזן פאר פרעה קלאר און דייטליך אז די מכות קומען פון הימל און זענען עפעס וואס איז גרעסער ווי זיין גאוה און שטארקייט. אזוי אויך האבן די אידישע קינדער באקומען חיזוק אין אמונה זעענדיג בחוש אז די מכות זענען א הימלישע צייכן, א רוחניות'דיגע כוח וואס קיינער אין די וועלט קען נישט באווייזן אויסער דער רבוש"ע אליינס, וועלכער געוועלטיגט אויף יעדע קלענסטע ברעקל אין די וועלט.

אבער ווי מיר ווייסן איז נאכנישט געקומען די צייט פאר פרעה זיך צו ברעכן, וַיֶּחֱזַק לֵב פַּרְעֹה וְלֹא שָׁמַע אֲלֵהֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר ה', פרעה'ס הארץ ווערט געשטארקט און ער הערט נישט צו די רייד פון משה און אהרן, גענוי ווי השי"ת האט שוין פאָראויס געזאגט פאר משה רבינו.

### מכת ערוב

ביי מכת ערוב געפונען מיר נאך א ספעציעלע חידוש, השי"ת הייסט זאגן פאר פרעה, "וְהִפְלֵיתִי בַיּוֹם הַהוּא אֶת אֶרֶץ גֹּשֶׁן אֲשֶׁר עַמִּי עֹמֵד עָלֶיהָ לְבִלְתִּי הֱיוֹת שָׁם עָרֹב" איך וועל אפשיידן דאס לאנד גושן, דארט וואו די אידן געפונען זיך, דארט וועט זיין אפגעהיטן פון די מכת ערוב, די חיות וועלן בכלל נישט אריינטרעטן אהין, "לְמַעַן תֵּדַע כִּי אֲנִי ה' בְּקֶרֶב הָאָרֶץ" כדי דו זאלסט וויסן און זיך איבערצייגן אז איך בין דער באשעפער אויף די גאנצע ערד.

ווי די **ראשונים** ערקלערן, אז טראצדעם וואס די אנדערע מכות זענען אויך נישט אנגעקומען צו די אידישע קינדער, דאָך איז די תורה ספעציעל מדגיש דעם ענין ביי מכת ערוב אז ס'וועט זיין די צווישנשייד, וְהִפְלֵיתִי בַיּוֹם הַהוּא אֶת אֶרֶץ גֹּשֶׁן, וויבאלד די טבע פון חיות איז אז איינמאל זיי ווערן ווילד און זיי הייבן זיך אָן צו דרייען צווישן מענטשן דאן גייען זיי וואו זיי ווילן אָן קיין שום אפהאַלט, דעריבער וואלטן זיי בדרך הטבע אויך געדארפט ארומלויפן אין גושן, דעריבער איז די תורה הקדושה מפרש דעם ענין דווקא ביי די מכה, אז דא וועט מען קלאר קענען זעהן דעם יד ה' אז די חיות וועלן נישט מאכן אפילו איין טריט ווייטער פון וואו אהין זיי זענען געשיקט געווארן.

ווי וואונדערליך איז דאס מדוייק אינעם לשון הפסוק, "לְמַעַן תֵּדַע כִּי אֲנִי ה' **בְּקֶרֶב הָאָרֶץ**", ביי די פריערדיגע מכות איז שוין פרעה אויפגעוויזן געווארן אז השי"ת איז שׂוֹלֵט אויפן זמן און אויף אלעס ביז די קלענסטע פְּרַט, אצינד דא ווערן פרעה און די וועלט געוואר אז השי"ת איז אויך דער וואס געוועלטיגט אויף יעדן מקום, כִּי אֲנִי ה' בְּקֶרֶב הָאָרֶץ, די גאנצע ערד קוגל איז אונטער די בעלות פון השי"ת, און ער פירט עס לויט זיין רצון.

### מכת דבר

נאך א רינגעלע אינעם זעלבן קייט געפונען מיר ווייטער ביי מכת דבר. השי"ת שיקט זאגן צו פרעה, הִנֵּה יַד ה' הוֹיָה בְּמִקְנְךָ וגו' די האנט פונעם אייבישטער וועט זיין אין דיינע בהמות, און ווי די תורה זאגט ווייטער "וְהִפְלָה ה' בֵּין מִקְנֵה יִשְׂרָאֵל וּבֵין מִקְנֵה מִצְרָיִם וְלֹא יָמוּת מִכָּל לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל דָּבָר", דער אייבישטער וועט מאכן א צווישנשייד צווישן די בהמות פון אידן און די בהמות פון די מצריים, פון די אידישע בהמות וועט נישט שטארבן קיין איינס! [דא שטייט נאָכאַמאָל דער ענין פון 'הפלאה' אז השי"ת וועט אפטיילן צווישן די בהמות פון די אידן און די מצריים, פונקט ווי ביי מכת ערוב, וויבאלד ווען ס'קומט א מגיפה איז אויך די טבע אז עס צושפרייט זיך אומעטום אָן קיין אפשטעל, דערפאר דערמאנט די תורה די חידוש אז ס'וועט נישט אנקומען צו די אידישע בהמות].

דאס איז א זאך וואס איז העכער פון יעדע מענטשליכע השגה און מעגליכקייט, השי"ת איז מבטיח אז ס'קענען זיך געפונען עטליכע בהמות צוזאמען, די וואס האבן א אידישע בעל הבית וועלן בלייבן לעבן, און די וואס האבן א מצרי'שן בעל הבית וועלן שטארבן. דא דארף מען דאָך באמת זיין דער כל יכול אליינס צו קענען מאכן אזא אונטערשייד. און אזוי האט טאקע פאסירט, "וַיָּמָת כֹּל מִקְנֵה מִצְרָיִם וּמִמִּקְנֵה בְּנֵי יִשְׂרָאֵל **לֹא מֵת אֶחָד**", קיין איין אידישע בהמה איז געשטארבן, עס האט נישט פאסירט קיין שום 'טעות' ח"ו, און קיין

שום יוצא מן הכלל. יעדע איינציגסטע אידישע בהמה האט איבערגעלעבט די מכה און די מצרי'שע נישט.

פרעה מיט זיין גאוה גלייבט דאס אבער נישט אויפן ווארט, ווי אויך קימערט ער זיך בכלל נישט מיט די טראגעדיע וואס האט באטראפן זיין לאנד ווען מיליאנען בהמות זענען געשטארבן, נאר אנשטאט דעם וויל ער ווייטער פאַרשן אויב דער אייבישטער קען דאס באווייזן. וַיִּשְׁלַח פַּרְעֹה, פרעה שיקט ארויס שלוחים צו קוקן און זיך איבערצייגן אויב דאס האט טאקע פאסירט, וְהִנֵּה לֹא מֵת מִמִּקְנֵה יִשְׂרָאֵל עַד אֶחָד! ער הערט פונקטליך אז אזוי איז טאקע געווען, מ'דארף דאָך זיין בלינד נאכן זעהן אזא יד ה', אבער דערוויל ווערט פרעה נאכנישט נתפעל, וַיִּכְבַּד לֵב פַּרְעֹה וְלֹא שִׁלַּח אֶת הָעָם.

**מכת שחין**

דערנאך קומט מכת שחין, ווי די תורה זאגט, זענען די מצריים געווארן פיל מיט בלאטערן, "וְלֹא יָכְלוּ הַחַרְטֻמִּים לַעֲמֹד לִפְנֵי מֹשֶׁה מִפְּנֵי הַשְּׁחִין כִּי הָיָה הַשְּׁחִין בַּחַרְטֻמִּם וּבְכָל מִצְרָיִם" די כישוף מאכער האבן נישט געקענט שטיין פאר משה צוליב די שחין וואס זיי האבן געהאט.

אין **מדרש** שטייט אז די חרטומים האבן געליטן מער פון אלע אנדערע מצריים, די שחין האט זיי קראנק געמאכט און אפגעשוואכט, וויבאלד זיי זענען געווען די עצה געבערס פון פרעה, און זיי האבן איהם געראטן אז מ'זאל ארייןווארפן די אידישע יונגלעך וואס ווערן געבוירן אין וואסער, דעריבער האבן זיי דא באקומען אן עונש.

אדער ווי דער **רמב"ן** זאגט, אז די חרטומים האבן זיך פשוט געשעמט פון משה, זיי זענען געשלאגן געווארן מיט די בלאטערן און וואונדן פון קאפ ביז פיס און זיי האבן גארנישט געקענט טוהן זיך גרינגער צו מאכן דעם פיין, ס'איז געווען ביזי בזיונות פאר זיי, דעריבער האבן זיי זיך איינגעשפאַרט אין די הייזער און נישט באוויזן דעם פנים אין גאס אדער ביי פרעה אין פאלאץ.

השי"ת שיקט מיט דעם א וואָרענונג אז מ'קומט שוין אָן א טריט נענטער צו פרעה זעלבסט. זיינע נאנטע מענטשן זענען שוין געשלאגן געווארן אויף א שטארקע אופן. אבער פרעה ברעכט זיך נאכנישט, וַיְחַזֵּק ה' אֶת לֵב פַּרְעֹה וְלֹא שָׁמַע אֲלֵהֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר ה' אֶל מֹשֶׁה.

**מכת ברד**

ביי די קומענדיגע מכה, מכת ברד, האט השי"ת אינגאנצן געטוישט די טבע, פלוצלינג קומט צו גיין האָגל געמישט מיט פייער, וַיְהִי בָרָד וְאֵשׁ מִתְלַקַּחַת בְּתוֹךְ הַבָּרָד, פייער וואס ברענט אין די אייז. אש ומים וואס גייען קיינמאל נישט צוזאמען האבן דא פלוצלינג שלום געמאכט צווישן זיך כדי צו ברענגען א עונש אויף די מצריים. די גאנצע וועלט איז זוכה צו זעהן א מחזה וואס איז למעלה מדרך הטבע ממש, און האט נאך קיינמאל נישט פאסירט.

גראַדע דא באפט שוין פרעה א שטיקל ציפ, זעענדיג די אויסטערלישע מכה, וַיִּשְׁלַח פַּרְעֹה וַיִּקְרָא לְמֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם חָטָאתִי הַפָּעַם ה' הַצַּדִּיק וַאֲנִי וְעַמִּי הָרְשָׁעִים, ער שיקט רופן משה און אהרן און ער זאגט זיי, כ'האב געזינדיגט! דער אייבישטער איז דער צדיק און איך און מיין פאלק זענען די רשעים. אבער נישט אויף צו לאנג, איינמאל די מכה ענדיגט זיך גייט פרעה צוריק צום אלטן און ער האלט נישט ביים ארויסלאזן די אידן.

**מכת ארבה**

דאס ביסל שיריים וואס איז איבערגעבליבן אין די פעלדער נאך מכת ברד, איז געקומען די ארבה און אויפגעגעסן. די היישעריק זענען איבעראל, מ'קען נישט גיין אויף די גאס, מ'קען נישט זעהן די ערד.

דא האט שוין השי"ת אויפגעברויזט די הערצער פון די מצריים קעגן פרעה, ווי די תורה זאגט, וַיֹּאמְרוּ עַבְדֵי פַרְעֹה אֵלָיו עַד מָתַי יִהְיֶה זֶה לָנוּ לְמוֹקֵשׁ שַׁלַּח אֶת הָאֲנָשִׁים וגו' ווילאנג וועסטו נאך לאזן דעם משה דא קומען און אונז פייניגן, "הֲטֶרֶם תֵּדַע כִּי אָבְדָה מִצְרָיִם - ווייסטו דען נאכנישט אז מצרים איז חרוב געווארן?"

די ביטערניש פונעם פאלק הערט זיך שוין גוט אין די לופטן, זיי זעען די שווארצע מציאות פאר די אויגן, מצרים איז חרוב ונחרב, ס'איז שוין געגאנגען לאיבוד, זיי שרייען צום קעניג אז ער זאל אויפהערן זיך באנארישן און ארויסלאזן די אידן. ביז אהער האט מען נאכנישט געהערט קיין קולות פון די עבדי פרעה, אבער אצינד שרייען זיי אלע אז ס'טויג נישט די מצב. די אידישע קינדער הייבן שוין אָן צו הערן א קלאנג פון גאולה, דאס מצרי'שע פאלק אנערקענט שוין אז מ'דארף זיי ארויסלאזן פון דא.

פרעה איז אבער נאכנישט גרייט צו הערן. זיין הארץ דארף נאך אלס בלייבן הארט און פארשטאָפט ביז מכת בכורות ווי מיר ווייסן.

**מכת חושך**

תיכף נאכדעם קומט מכת חושך, וועלט ווערט אויס וועלט פאר די מצריים, לֹא רָאוּ אִישׁ אֶת אָחִיו וְלֹא קָמוּ אִישׁ מִתַּחְתָּיו שְׁלֹשֶׁת יָמִים, קיינער קען זיך נישט רירן פון ארט, די מצריים ווערן אלע געלעמט אויפן פלאץ און קענען גארנישט טוהן, זיי קענען נישט גיין און קומען אין ערגעץ. אויב האבן זיי זיך איינגערעדט ביי זיך אז זיי האבן נאך

עפעס א פינטעלע בעלות אויף די וועלט, אז זיי זענען אין קאנטראל אויף סיי וועלכע זאך, האט השי"ת זיי באוויזן אז זיי קענען גארנישט טוהן, ניטאמאל זיך א ריר געבן אין זייער אייגענע שטוב. זיי האבן גארנישט, קיין שום כוח און קיין שום מעגליכקייט צו טוהן סיי וואס.

ווען אין די זעלבע צייט ווערן זייערע אוצרות ברייט אָפן פאר די אידן. די אידן שפאצירן זיך ארום אין די מצרי'שע הייזער און ווערן געוואר פונקטליך וואס זיי פארמאגן. דער מצרי'שער בעל הבית קען זיצן א שפּאַן אוועק און הערן ווי איינער עפנט זיינע טירן און שאַפעס און רעכנט אויס הויעך אלעס וואס געפונט זיך דארט, אבער ער קען גארנישט טוהן, אפילו נישט סטראַשען מיט'ן שאקלען א פינגער. וּלְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָיָה אוֹר, פאר די אידן איז לעכטיג און גוט, און מארגן גייען זיי קומען בארגן פון די מצריים זייער גאנצע האב און גוטס וואס זיי האבן זיך דא צוזאמגעזעהן אין די הייזער. די גאולה דערנענטערט זיך מיט גאר שנעלע טריט. אבער וַיְחַזֵּק ה' אֶת לֵב פַּרְעֹה וְלֹא אָבָה לְשַׁלְּחָם, פרעה וויל נאך אלס נישט ארויסשיקן די אידן.

אֲשֶׁר פָּסַח עַל בָּתֵּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל

## כלל ישראל ווערט געבוירן

**ביי מכת בכורות זענען מיר געווארן בני בכורי ישראל**

ווען מיר דערהערן דאס אלעס ביז אהער, ווי די עשר מכות זענען אלע געווען מיט א פונקטליכע פלאן און א חשבון צו צוברעכן די גאוה פון פרעה און צו באווייזן דעם יד ה' פאר אידישע קינדער אז זיי זאלן זיך איבערצייגן אין די גרויסקייט און כוח פון השי"ת.

יעצט קומען מיר אָן צו מכת בכורות! מכת בכורות איז נישט בלויז 'נאך א מכה' אויף די רשימה פון מכות, עס איז נישט בלויז נאך א שטראף פאר פרעה. **מכת בכורות איז גאר די ציל, די הויכפונקט, און תכלית פון אלע צען מכות. ווייל אצינד גייען מיר זוכה זיין צו די 'לֵידָה' פון כלל ישראל, עס גייט געבוירן ווערן דא די הייליג אויסדערוועלטע פאלק "בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל".** אין די זעלבע צייט ווען השי"ת וועט פאַרענדיגן מיט די מצריים און מקיים זיין די אלטע הבטחה פון הִנֵּה אָנֹכִי הֹרֵג אֶת בִּנְךָ בְּכֹרֶךָ, אין די זעלבע צייט וועט ענדליך ווערן אנטוויקלט און אוועקגעשטעלט -זה לעומת זה- די בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל וואס גייט ווערן די עַם הנבחר, די מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ וואס גייט זוכה זיין מקבל צו זיין די תורה און ווערן בנים למקום, קינדער פונעם הייליגן באשעפער.

וואס איז די תפקיד פון א בכור? וואס איז די באדייטנדע חשיבות וואס א בכור האט צו זיין טאטע? א בכור איז טייטש אז ער איז דער ממשיך פון זיין טאטע'נס וועגן, ער איז א המשכה פונעם טאטע בעצם, די קייט ציט זיך ווייטער און אט דער קינד איז די התחלה פון פארשפרייטן ווייטער דעם טאטע'נס ליכטיגקייט. כביכול די זעלבע זאך איז די קשר צווישן כלל ישראל און אבינו שבשמים, יעצט איז געקומען די צייט ווען מיר אידן דארפן פארשפרייטן דעם אוֹר פון השי"ת אויף די וועלט, מיר מוזן זיך באהעפטן אין זיינע הייליגע וועגן און אויספירן זיין רצון ווי א קינד צו א טאטע.

ביז יעצט האט דער רבוש"ע געשטראפט פרעה מכה נאך מכה און געוויזן זיין כוח פאר כלל ישראל ווי געשמועסט. אידישע קינדער האבן זיך איבערצייגט אין די יד החזקה און זרוע הנטויה וואס השי"ת האט באוויזן, אז ער איז דער וואס האט באשאפן און פירט די וועלט, וַאֲשֶׁר לוֹ הַכֹּחַ וְהַמֶּמְשָׁלָה בָּעֶלְיוֹנִים וּבַתַּחְתּוֹנִים לַעֲשׂוֹת בָּהֶם כִּרְצוֹנוֹ, ער קען טוהן וואס ער וויל, אין יעדן מקום, אין יעדע זמן, אויף יעדן אופן, אפילו קעגן די טבע און קעגן די בריאה, ווי מיר האבן זיך דאס אלעס איבערצייגט אויף טריט און שריט ביי די מכות.

יעצט איז געקומען די צייט ווען מיר אידן טוען צוריק פארן אייבישטער, יעצט מוזן מיר קומען מיט אונזער 'אִתְעֲרוּתָא דִלְתַתָּא' מיר מוזן מאכן א התעוררות מצד אונזערע מעשים, ווי א קינד צו זיין טאטע וואס איז גרייט איהם צו דינען און אויספירן זיין באפעל.

**די ערשטע עבודת השי"ת מיט מסירות נפש**

טאקע דערפאר האט דער אייבישטער געהייסן אז משה רבינו זאל איבערגעבן פאר כלל ישראל די מצוה פון קרבן פסח, וואס די אידן האבן מקיים געווען און עוסק געווען דערמיט מיט מסירות נפש. ווי באקאנט פון חז"ל איז א שעפעלע די עבודה זרה פון די מצריים, דאָך האבן די אידן געקויפט די שעפעלעך און עס צוגעבינדן צו די בעטן שוין פיר טעג פריער, זיי האבן דאס געטוהן בפרהסיא אָן קיין פחד און מורא. אין **לבוש** שטייט נאך מער, אז די אידן ווען זיי האבן געקויפט די שעפעלעך פארן קרבן פסח, האבן זיי דאס דווקא ארומגעשלעפט אויפן ערד בדרך בזיון כדי צו פארשעמען די מצריים. ווען די מצריים האבן געפרעגט פון די אידן פארוואס זיי דארפן די שאף, האבן די אידן געענטפערט אז מ'גייט עס שחט'ן פאר א קרבן פסח ווייל דער אייבישטער האט אזוי באפוילן. [ווי דער **טור** ברענגט אז דערפאר הייסט די שבת פאר פסח מיט'ן נאמען 'שבת הגדול' צוליב דער 'נס גדול' וואס האט דעמאלטס פאסירט אז די מצריים האבן גארנישט געקענט צוריק ענטפערן, נאר זיי האבן געמוזט שווייגן און צוקוקען ווי די אידן מאכן אוועק און שחט'ן זייער אפגאט].

דאס איז געווען אונזער ערשטער טריט אריין אין אידישקייט. אביסל מסירות נפש און ארויסווייזן אהבה צום באשעפער דורכ'ן טוהן זיין רצון מיט געטריישאפט און התבטלות.

## די בלוט אויפן טיר אלס סימן פון אידישקייט

דערמיט דערהערן מיר אויך א טיפע געדאנק פארוואס טאקע האבן די אידן געדארפט לייגן די בלוט פונעם קרבן פסח ארום די טיר, ווי מיר האבן אויבן געפרעגט צו דען האט השי"ת געדארפט האבן א סימן וואו ס'איז א אידישע שטוב? אודאי נישט. נאר מיט'ן לייגן די בלוט אויפן שוועל האט דער איד אויסגערופן **איך בין א סאלדאט פארן אייבישטער, דא וואוינט א 'בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל' וואס איז מקיים די מצוות השי"ת מיט א שטאלץ און מסירות נפש.** טאקע אין די זעלבע מינוטן ווען עס גייט פאָרקומען די אָנֹכִי הֹרֵג אֶת בִּנְךָ בְּכֹרֶךָ, בשעת מכת בכורות, דעמאלטס הייבן מיר אָן צו ווערן דער בכור פון השי"ת, זיין עַם סגולה.

קומט אויס פון דעם, ווען דער אייבישטער זאגט "וְרָאִיתִי אֶת הַדָּם וּפָסַחְתִּי עֲלֵכֶם", ווען איך וועל זעהן די בלוט וועל איך איבערהיפן און אריבערשפרינגען דעם הויז און איר וועט גערעטעוועט ווערן פון מכת בכורות, איז דאס נישט סתם עפעס א טעכנישע 'פסיחה ודילוג' וואס האט אויסגעפעלט איבערצוהיפן די אידישע הייזער כדי זיי צו ראטעווען, דאס איז נישט בלויז עפעס א קליינע נקודה אין די עשר מכות, נאר דאס איז א גאנץ אנדערע סארט איבערהיפן, דאס איז געווען די איבערהיפן פון א 'אידישע שטוב' וואס האט זיך דעמאלטס געגרינדעט. דאס איז געווען די צייט ווען עס האט זיך צום ערשטן מאל ארויסגעשטעלט דעם 'בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל' וואס האבן געטוהן דעם רצון השי"ת מיט א התעוררות און מסירות נפש, דאס איז א פסיחה וואס השי"ת שפרינגט איבער און ראטעוועט זיין טייערע באליבטע פאלק.

דערפאר הייסט טאקע דער יום טוב 'פסח' עַל שׁוּם שֶׁפָּסַח הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל בָּתֵּי אֲבוֹתֵינוּ בְּמִצְרַיִם, ווייל דעמאלטס איז געווען די 'התייסדות' פון כלל ישראל, נאכן זיך איבערצייגן די אלע נסים ונפלאות וואס השי"ת האט אונז באוויזן ביז אהער, און נאכן זוכה זיין צו אזויפיל ליבשאפט און חסדים מצד דעם אייבישטער צו אונז, איז דעמאלטס געקומען די צייט ווען מיר האבן ענדליך זוכה געווען אנצוהייבן צוריק צו טוהן פארן אייבישטער כביכול, און דעמאלטס זענען מיר געווארן די 'בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל' אין וועמען השי"ת האט בּוֹחֵר געווען, ווי די תורה הקדושה זאגט "אֲשֶׁר פָּסַח עַל בָּתֵּי **בְנֵי יִשְׂרָאֵל** בְּמִצְרָיִם", די אידישע שטובער! די הייליגע לעבטיגע שטובער פונעם עַם ה' אין וועלכע מ'האט זוכה געווען צו טוהן די ערשטע מצוה פארן אייבישטער.

## די שמחה פון דא וואוינט א איד

עס איז באקאנט די סיפור אז **הרה"ק רבי משה לייב סאסובער זי"ע** איז אמאל געווען ביים הייליגן **רבי רבי אלימלך פון ליזענסק זי"ע**, ווען דער ר"ר אלימלך האט געטייטשט "אֲשֶׁר פָּסַח עַל בָּתֵּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל בְּמִצְרָיִם", אז כביכול דער אייבישטער האט 'געטאנצט' פאר פרייד ווען ער איז אריבערגעגאנגען א אידישע שטוב אין מצרים, אז "דא וואוינט א איד". ווען דער ר"ר משה לייב זי"ע האט דאס געהערט איז ער פון גרויס התלהבות ארויפגעשפרינגען אויפן טיש און זיך גענומען טאנצן מיט א ברען אויפן רבי'נס ווערטער "דא וואוינט א איד... דא וואוינט א איד".

ווי מיר לערנען אצינד, קען מען צולייגן נאך א ברעקל פנימיות צו די הייליגע מעשה. עס איז נישט געווען בלויז א טאנץ און א שמחה אז 'דא' וואוינט א איד, נאר די שמחה איז געווען אז דא וואוינט **"א איד!"** עס איז יעצט געווארן א נייע מושג פון כלל ישראל, עס זענען פאראן לעבטיגע אידישע קינדער וואס טוען די רצון השי"ת, בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל, די עצם מושג אז עס געפונען זיך דא אידן! **די ציל און די תכלית פון די עשר מכות איז ענדליך דערגרייכט געווארן, עס איז מקויים געווארן דעם "וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'".** כלל ישראל האט אנערקענט אין די גרויסקייט פונעם אייבישטער און זיי טוען זיין רצון מיט מסירות נפש, איז דאָך נישט געווען קיין גרעסערע שמחה ביים אייבישטער ווי דעם אז דא וואוינט א איד, דא געפונט זיך מיין בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל פאר וועמען איך האב אזויפיל געטוהן ביז אהער, אלעס כדי איהם צו דערנענטערן צו זיך און איהם אריינברענגן תחת כנפי השכינה.

## השי"ת גרויסט זיך מיט אונז

ס'איז באקאנט וואס עס שטייט אין ספה"ק **קדושת לוי** (פרשת בא) אויף דעם וואס מיר געפונען כסדר אין די תורה אז דער יום טוב ווערט אנגערופן מיט'ן נאמען "חג המצות" דווקא, און מיר כלל ישראל רופן דאס מיט אן אנדערע נאמען "פסח". דער בארדיטשובער רב זי"ע איז מסביר אז דאס איז די בחינה פון 'אני לדודי ודודי לי' מיר אידן דערציילן די שבחים פון השי"ת און השי"ת דערציילט אונזער לויב. וויבאלד דער נאמען חג המצות איז א לויב פאר די אידן וואס זיי האבן געפאלגט השי"ת ביים ארויסגיין פון מצרים און געבאַקן דעם טייג אין איילעניש און געמאכט מַצות, דעריבער רופט השי"ת אָן דעם יום טוב מיט'ן נאמען "חג המצות" ארויסצוברענגן דעם לויב פון כלל ישראל. אבער אונז אידן רופן עס אָן דווקא מיט'ן נאמען "חג הפסח" וואס איז מרמז אויף די נסים וואס השי"ת האט געטון מיט אונז אין מצרים - אשר פָּסַח על בתי בני ישראל.

לויט ווי מיר האבן געשמועסט ביז אהער, ליגט דא ווייטער די זעלבע טיפע נקודה. טאקע ווען מיר כלל ישראל האבן זיך אונטערגעגארטלט צו טוהן דעם רצון השי"ת, מיר זענען גרייט געווען ארויסצוגיין אין איילעניש, לֶכְתֵּךְ אַחֲרַי בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ לֹא זְרוּעָה מיט אמונה און מסירות נפש. אין יענע רגעים איז אויך פאָרגעקומען דעם אשר פָּסַח על בתי בני ישראל, דעמאלטס האט דער רבוש"ע איבערגעהיפט אונזערע הייזער, אבער נישט סתם א פסיחה ודילוג, נאר "על בתי בני ישראל" עס איז געווען אידישע הייזער, די הויז פון א איד, בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל, א נייע סארט מציאות וואס איז דעמאלטס געשען צום ערשטן מאל. און דווקא דאס דערמאנען מיר כסדר מיט'ן אנרופן דעם יום טוב פסח, עַל שׁוּם שֶׁפָּסַח הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל בָּתֵּי אֲבוֹתֵינוּ בְּמִצְרַיִם שֶׁנֶּאֱמַר, וַאֲמַרְתֶּם זֶבַח פֶּסַח הוּא לַה' אֲשֶׁר פָּסַח עַל בָּתֵּי בְנֵי יִשְׂרָאֵל בְּמִצְרַיִם, מיר ווילן דערמאנען אט דעם פסיחה ודילוג, אט די איבערהיפן מיט שמחה כביכול, די טאנץ אז דא וואוינט א איד, וואס האט דעמאלטס פאסירט צום ערשטן מאל.

**סגולת הזמן - מיר קענען יעצט ווערן בני בכורי ישראל**

ווי עס איז מבואר אין אלע **ספרים הקדושים** ווערט נתעורר יעדע יאר פון דאסניי דער ענין פון יציאת מצרים. יעדער איד אין יעדן דור קען זוכה זיין צו זיין אייגענע און פרטיות'דיגע יציאת מצרים. איז דער זמן מסוגל זיך מיטצוכאפן מיט די התעוררות און ווערן א טייל פונעם 'בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל'.

דער **ישמח ישראל** (אות ט"ו) ברענגט וואס די לשון המשנה אין **מסכת פסחים** (פרק י' משנה ד') "מַתְחִיל בִּגְנוּת וּמְסַיֵּם בְּשֶׁבַח" אז ביי די הגדה של פסח הייבן מיר אָן קודם מיט די שאנדע פון אונזערע עלטערן, מתחילה עובדי עבודה זרה היו אבותינו, און דערנאך ענדיגט מען מיט דעם וואס זיי האבן זוכה געווען צו קבלת התורה. ברענגט דער ישמח ישראל בשם זיין פאטער **הרה"ק רבי יחיאל פון אלכסנדר זי"ע** וואס האט געטייטשט אז דאס איז מרמז אויף יעדער איד, אפילו אזא איינער וואס איז ליידער אין א מצב פון 'גנות' און שאנדע, ער האט זיך נישט געפירט ווי עס דארף צו זיין, איז דער הייליגער תַּנָּא איהם מבטיח אז "וּמְסַיֵּם בְּשֶׁבַח" ביים ענדיגן דערציילן סיפור יציאת מצרים וועט ער שוין זיין אין א בחינה פון 'שבח' און גוטסקייט, ווייל די קדושה פון די מצוה וועט משפיע זיין אויף איהם.

די מצוה פון סיפור יציאת מצרים האט אין זיך די כוח פון "וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'", מיר קענען איינפלאנצן אמונה אין זיך און אין אונזערע קינדער. מיר קענען זיך מתבונן זיין אין די גרויסקייט פון די נסים ונפלאות וואס השי"ת האט געטוהן מיט אונז, און דערהערן די געוואלדיגע חביבות וואס אבינו שבשמים האט צו אונז, און דורכדעם נתעורר ווערן צו טוהן אונזער חלק, זיך צו דערנענטערן צום אייבישטער און טוהן זיין רצון און שטארקן אונזער קשר, צו ווערן א בעסערע בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל וואס איז ממשיך דעם אור השי"ת אויף די וועלט, אויף זיך, אויף די קינדער, אויף די ארומיגע. און זוכה זיין ארויסצוגיין יעדער איינער פון אלע זיינע מֵיצָרִים און שוועריגקייטן, ביז צו די גאולה שלימה ווען עס וועט מקויים ווערן כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות במהרה בימינו אמן.

לסיכום געדענק:

- פסח האט אין זיך א געוואלדיגע כוח זוכה צו זיין צו אמונה, ביי זיך און די קינדער, און צו חירות וגאולת הנפש.
- יעדע פון די צען מכות האט געהאט א פונקטליכע חשבון און קומט אונז לערנען נאך א וויכטיגע נקודה אין אמונה.
- ביי מכת בכורות איז נולד געווארן די "בני בכורי ישראל" וואס איז געווען גרעסטע שמחה און הויכפונקט פון גאנץ יציאת מצרים! און מיר קענען צו דעם זוכה זיין אויך דאס יאר פון פריש.

## צידה לדרך...

**וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם**

פארוואס טאקע האט די תורה געהייסן דערציילן די נסים פון יציאת מצרים, כאטש מיר אלע קענען שוין און מיר ווייסן די מעשה און די נסים וואס האבן פאסירט.

ערקלערט **הרה"ק רבי אברהם פון סלאנים - דער בית אברהם זי"ע**, וויבאלד יעדער מענטש האט אנדערע סארט הֶרְגֵּשִׁים און געפילן, און יעדער טראכט אריין אנדערש אין א מעשה וואס ער הערט, ער דערהערט אנדערע נקודות און איז זיך מתבונן אין געוויסע פרטים וואס דער חבר האט נישט דערהערט אזויוי ער. דערפאר האט השי"ת געהייסן אז מיר זאלן דערציילן איינעם דעם אנדערן, אזוי וועט יעדער קענען איבערגעבן זיינע געפילן און זיין טעם וואס ער האט מרגיש געווען אין די מעשה פון נסים וואס השי"ת האט געטוהן מיט אונז. און דערפאר האבן טאקע חז"ל געזאגט אז כָּל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח, ווייל עס קומט ארויס פון דעם מער לויב און דאנק צו השי"ת און זיינע נסים.

(בית אברהם)

**א כשר'ן און פרייליכן יום טוב!**

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com